**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת מטות מסעי כ תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת פינחס, כ תמוז תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**די מסעות אין מדבר: זען די ליכטיגקייט אין די שוועריגקייטן  די תורה פונעם הייליגן אש קודש זי״ע**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אינעם ספר ״אש קודש״ פונעם פיאסעצנער רבי׳ן זי״ע — תורה וואס ער האט געזאגט אין די ווארשעווער געטא און ארייננעלייגט אין א פלעשל ״למען יעמדו ימים רבים״, מיט וואס ער האט מחזק געווען הונדערטער און טויזנטער אידן זיך פארצובערייטן צו גיין על קידוש השם מיט אמונה, ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״ — שרייבט ער אויף די וואכעדיגע פרשה באריכות, אבער צום סוף ברענגט ער עס ארויס בקצירת האומר.

ס׳שטייט אין פסוק ״ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם״, קודם שטייט ״מוצאיהם למסעיהם״ און נאכדעם שטייט ״ואלה מסעיהם למוצאיהם״. ער ברענגט נאך וואס רש״י הקדוש זאגט פונעם מדרש תנחומא, אז ס׳איז א משל צו א מלך וואס זיין זון איז געווען — נישט אויף קיין שום איד געדאכט — נישט געזונט, און ער האט אים געפירט צו א דאקטאר אין א ווייטן פלאץ, דער הייליגער באשעפער זאל אים אויסהיילן. אויפן וועג אהיים האט דער פאטער אויסגערעכנט אלע ערטער וואו מ׳האט זיך אפגעשטעלט ווען מ׳איז געפארן אהין: ״דא האבן מיר געשלאפן״, ״דא האבן מיר זיך אפגעקילט״, ״דא האט דיר דער קאפ וויי געטון״. אבער די אלע צרות וואס ער דערמאנט יעצט איז נישט כדי צו קרעכצן, נאר ארויסצוברענגען די ליכטיגקייט אז מ׳איז שוין ברוך השם אויסגעהיילט. דאס איז ״מלכות שבפה״ — מ׳ברענגט ארויס מיט׳ן מויל די מלכות שמים.

**קומט דאך אויס, אז ווען א מענטש רעכנט אויס צרות, איז עס נישט כדי ארויסצוברענגען די צרה, נאר פונקט פארקערט – ארויסצוברענגען די ישועה; ער דערציילט די צרה כדי צו באטאנען די ישועה.** דאס זאגט דער פסוק: ״ויכתוב משה״. ווען משה רבינו האט געשריבן די תורה נאך די פערציג יאר אין מדבר, האט ער אויפגעשריבן די אלע מסעות און די אלע צרות. בשעת ער האט דאס געשריבן, האבן זיי שוין געהאלטן אין א מצב פון ״מוצאיהם למסעיהם על פי ה׳״; זיי האבן שוין קלאר געזען אז אלעס איז געווען געפירט דורך דעם אויבערשטן, און די אלע שוועריגקייטן האבן צום סוף ארויסגעברענגט דעם אור ה׳ און די לעכטיגקייט. נאר בשעת די מסעות זענען פארגעקומען, ווען מ׳איז נאך געגאנגען אין וועג, האט מען עס נישט אנערקענט און עס האט אויסגעקוקט ווי א צרה. אבער יעצט, ווען מ׳גייט שוין אהיים און מ׳גרייט זיך ארייינצוגיין קיין ארץ ישראל, קוקט מען זיך אום און מ׳זעט אז אלעס איז געווען ״על פי ה׳״, א גילוי פון אור ה׳ אויף יעדע זאך.

**הייליגע טייערע אידישע קינדער, א איד דארף גלייבן, א איד דארף וויסן און אנערקענען, אז דער גאנצער גלות און אלעס וואס פאסירט דערין – סיי ברוחניות און סיי בגשמיות – אלעס איז על פי ה׳ און אלעס איז דער אור ה׳. א מענטש דארף נאר וויסן, אז אפטמאל געפינט מען זיך נאך אינמיטן די צרה, וואו מ׳זעט נאך נישט די תוצאה און מ׳פארשטייט נאך נישט וואס ס׳גייט ארויסקומען דערפון. אבער א איד דארף גלייבן אז צום סוף וועט מען אלעס איינזען; צום סוף וועט מען זען בגלוי דעם אור ה׳, וואס איז פריער געווען באהאלטן און פארדעקט בנסתר.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אלעס, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, ווען דער אייבערשטער טוט, און וויאזוי דער אייבערשטער טוט, אלעס איז לטובה ולברכה. אלעס איז גוט, דער אייבערשטער טוט נאר גוט. מיר דארפן אבער וויסן, ״ויכתוב משה״, אז ווען מען שרייבט עס אראפ און מען רעכנט עס אויס שפעטער אויפן וועג אהיים, זעט מען אז פון די אלע שוועריגקייטן איז געווארן אן אור ה׳.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיט דעם אמונה פשוטה לעבן מיר דורך דעם שווערן גלות, און מיט דעם אמונה פשוטה וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פונעם שווערן גלות.

**מעשיות פון חסד און אמונה. די מעשה מיט די אפיס פורניטשער פאר׳ן בית המדרש**

מיר גייען ברענגען צוויי מעשיות, און מיר וועלן זען ממש די זעלבע זאך, נאר אין איין פלאץ איז עס ״בהתגלות״ און אין איין פלאץ איז עס ״בהתכסות״. דהיינו, עס איז געווען א איד וואס האט געארבעט אין א גרויסן בנין מיט אסאך אפיסעס. איינמאל האט ער געזען א צעטל וואס הענגט, אז א בית המדרש דארף האבן טישן, בענקלעך, און ספרים שענק פאר א בית המדרש וואס מען האט יעצט געענדיגט בויען, און ווער עס קען מנדב זיין זאל זיך מעלדן. דער איד איז געגאנגען און אראפגעשריבן דעם נומער פונעם בית המדרש. נישט אז ער האט געהאט אן השגה פון וואו ער גייט עס נעמען, אבער ער האט געטראכט אז אפשר קען ער זיין א מזכה את הרבים.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת מטות מסעי כ תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נו, דער אייבערשטער האט עס אזוי צוגעפירט; ער קומט אריין צו דער ארבעט און ער זעט ווי מען רוקט טישן און בענקלעך, עס טוט זיך. ער פרעגט וואס דא גייט פאר, זאגט מען אים אז די בעלי בתים האבן מחליט געווען אז זיי ווילן האבן א שענערן און אן אנדערן סארט אויסשטעל, און אלע טישן, בענקלעך און שענקלעך — אלעס אלעס ווארפן זיי ארויס. ווי נאר ער האט דאס געהערט, איז ער צוגעגאנגען פרעגן די בעלי בתים וואס מען טוט מיט די אלע זאכן. האבן זיי געזאגט: ״דו קענסט עס נעמען, מיר ווארפן עס אוועק.״ ער האט גלייך אנגערופן דעם רב פון בית המדרש, דעם נומער וואס ער האט געזען הענגען וואו מען פרעגט ווער עס קען מנדב זיין, און ער דערציילט: ״עס איז דא א בנין וואו מען טוישט אויס די אפיסעס, אפשר קענט איר אריבערקומען און זען וואס איר דארפט.״

זענען די מתפללי בית המדרש אריבערגעקומען, און זיי האבן דארטן געפונען אוצרות: שענק, טישן און בענקלעך — אלעס וואס מען האט גע׳דארפט פאר די זייטיגע צימערן. לא יאומן כי יסופר, א געוואלדיגע שפע! דא האסטו א איד וואס האט נישט גע׳דארפט קיין ספעציעלע ישועה — כאטש יעדער איד דארף א ישועה — ער האט נישט עפעס געזוכט פאר זיך, ער האט פשוט געהאט א הארץ. א איד זעט אז א מקום, א מוסד אדער א בית המדרש בעט הילף, אפשר קען מען זיי ארויסהעלפן? דאס איז דאס אידישע קאכעדיגע בלוט, די עסקנות וואס ליגט אין א איד. לאמיר נעמען דעם נומער, ווער ווייסט, אפשר וועל איך קענען זיין א שליח?.

נאכדעם וואס די מתפללי בית המדרש האט עס דערציילט פאר אנדערע מענטשן, האט דער איד באקומען א רוף פון אן אנדערן מוסד: ״אפשר האסטו פאר מיר טישן און בענקלעך?״ ״איך ווייס נישט עיצט, אבער איך קען מיך אריינלייגן דערין.״ וואס איז געווארן איז, אז דער מענטש איז געווארן א שדכן צווישן אפיסעס וואס טוישן איבער זייערע פוירניטשער — די טישן, בענקלעך און שענקלעך — און מוסדות וואס זוכן עס. א מוסד רופט אן: ״אפשר קענסטו מיר עפעס פארשאפן?״, און די אפיסעס רופן אן: ״אפשר קענסטו טרעפן ווער עס וויל עס נעמען?״. דער נותן און דער מקבל רופן ביידע אן, און דער הייליגער באשעפער האט עס אזוי צוגעפירט אז א איד מיט א ווארעם הארץ, נאר ווייל ער וויל העלפן אנדערע אידן, קען ער טאקע העלפן.

עס האט זיך נישט געענדיגט מיט א מעשה. עס איז נישט אז יענער האט געהאט עפעס א געוואלדיגע ישועה וואס ער ווייסט עפעס ספעציעל צו דערציילן. ער האט געהאט איין גרויסע ישועה: אז ער קען העלפן אידן און שטיין אנדערע אידן צו הילף. דאס אליין איז די גרויסע ישועה.

**די געוואלדיגע ישועה פונעם מיליאנער און דעם עני**

נאכדעם איז דא א מעשה: א איד, לא עלינו ולא עליכם, האט איין טאג באקומען א מעלדונג פונעם דאקטאר אז איינער פון זיינע קינדער, ה״י, ליידט אויף א געוויסער מחלה וואס איז גאר זעלטן אין די וועלט – עס זענען דא ממש א מיעוטא דמיעוטא, א קליינע צאל פעלער איבער דער גאנצער וועלט. עס איז דא בלויז איין פלאץ, איין שפיטאל אין אמעריקע, וואו מען קען דאס היילן, אבער דאס קאסט אפ אוצרות מיט געלט. דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו טון; ער האט זיך אויסגעוויינט פאר א געוויסן רב און אים געבעטן אז אפשר קען דער רב אים העלפן שאפן דאס געלט, מתפלל זיין, און בעטן דעם אייבערשטן פאר אים. דער רב האט אים געזאגט: ״נו, מ׳וועט זען, לאמיר זען וואס מ׳קען טון,״ כאטש דער רב אליין האט כמעט נישט געהאט קיין אנונג וויאזוי מען שאפט אזעלכע סכומים געלט.

א צווייטער איד איז אריינגעקומען צום רב, און מ׳האט אונטערגעזאגט פארן רב אז דער איד איז א גרויסער מיליאנער. דער גרויסער עושר, דער מיליאנער, האט אנגעהויבן וויינען און געזאגט: ״רב לעבן, נישט אלעס איז געלט, מיט געלט קען מען נישט אלעס האבן.״ ״וואס גייט פאר?״ האט דער רב געפרעגט. ער האט א טאכטער וואס האט באקומען, לא עלינו ולא עליכם, א מחלה וואס נאר א מספר מצומצם פון מענטשן אין די גאנצע וועלט ליידן דערפון, און ס׳איז דא בלויז איין שפיטאל אין אמעריקע וואס האט א רפואה דערויף. ער איז געווען צעבראכן און דערשראקן, און ער האט געבעטן פונעם רב זאל מתפלל זיין און אנוואונטשן אז מ׳זאל קענען דורכמאכן די אלע שוועריקייטן, און די רפואות זאלן ארבעטן אז זי זאל האבן א רפואה שלימה דער עושר האט אויסגעפלאצט אין א געוויין. זאגט אים דער רב: ״איך האב פאר דיר א גוטע עצה; פונקט יעצט איז ארויסגעגאנגען פון דא א איד וואס מאכט מיט די זעלבע זאך, נאר ער האט נישט דאס געלט.״. זאגט אים דער רב: ״דו האסט דאך יא דאס געלט, צאל יענעם אויך אויס די הוצאות, און אין דעם זכות וועט דיין טאכטער האבן א ישועה.״

וכך הוה, ער האט זיך אונטערגענומען צו דעקן די הוצאות און מיטנעמען דעם אנדערן קינד אויך אין שפיטאל צו יענעם דאקטאר, און ביידע האבן געהאט א גרויסע ישועה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איין איד האט געגעבן צדקה ווייל ער דארף א ישועה פאר זיין טאכטער. א צווייטער איד האט אויך געגעבן צדקה, אבער נישט קיין געלט פון זיין אייגענער טאש; ער האט אוועקגעגעבן זיינע כוחות, צייט, מוח, געפילן און הארץ, צו פארשאפן פאר

מוסדות התורה טישן און בענקלעך. ער האט געזען אז אידן וואס דארפן שוין נישט געוויסע זאכן, זאלן האבן פאר וועמען עס צו געבן כדי עס זאל נישט גיין אין מיסט, נאר עס זאל ווערן דערפון צדקה, תורה, און החזקת התורה פאר ארימעלייט. און דער איד האט טאקע זוכה געווען דערצו.

עס קוקט אויס ווי דא איז דא א מורא'דיגע מעשה – זיין טאכטער האט געהאט א ישועה – בשעת דער צווייטער איד האט לכאורה נישט קיין מעשה. אבער דער אמת איז אז ביידע האבן מעשיות, און מיר גלייבן אין דעם. דא איז עס בהתגלות און דא איז עס בהסתר. עס זענען דא ביידע: עס איז דא א מעשה וואס מען זעט מיט די אויגן, און עס איז דא א מעשה וואס מען גלייבט.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר טוען נישט פארן אייבערשטן נאר כדי מען זאל עס זען, מיר טוען נישט פארן אייבערשטן נאר פאר סגולות, פאר ישועות, אדער פאר ברכות. מיר טוען פארן אייבערשטן ווייל מיר ווילן טון פארן אייבערשטן. דער אייבערשטער האט עס נאר אזוי אויסגעשטעלט, אז ווען מען טוט פארן אייבערשטן, העלפט דער אייבערשטער און מען זעט ישועות – צי מען פארשטייט אז מען האט ישועות צי מען פארשטייט נישט, צי מען זעט עס יא צי מען זעט עס נישט. יעדער איד מיט זיין צדקה וחסד און מיט זיין מסירות נפש וואס ער גיט זיך אוועק פאר אידישע קינדער און וואס ער טוט אויף פאר אידן, דאס איז א וואונדער איבער א וואונדער. עס ברענגט אים ישועות פאר זיך אליין און פאר זיינע דורות, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.**

## די יסודות'דיגע מצוה פון כיבוד אב ואם

די זעלבע זאך איז מיט די מצוה פון כיבוד אב ואם. איך וויל פארליינען א בריוו אין אגרות סופרים (בריוו כ"ב), וואס דער הייליגער רבי עקיבא אייגער האט געשיקט פאר זיין איידעם, דער הייליגער חתם סופר, און פאר זיין טאכטער שרל. געוועגליך ווען דער חתם סופר פלעגט שרייבן פארן שווער, האט ער געשריבן עניני תורה, אבער די טאכטער פלעגט צושרייבן אונטן פון די תשובה - אינטער די תורות וואס דער חתם סופר האט געשריבן - אפאר ווערטער פארן טאטן. דא זעט אויס אז די טאכטער איז געווען פארנומען און זי האט נישט צוגעשריבן גארנישט. שרייבט רבי עקיבא אייגער אין א בריוו וואס ער שיקט פארן חתם סופר, **צו זיין טאכטער הרבנית הצנועה מרת שרל, אז זי האט אים אנגעמאכט גרויסע שמערצן און אומרואיגקייט מיט דעם וואס זי האט נישט צוגעשריבן אפאר שורות צום בריוו וואס ער האט באקומען פון זיין איידעם. ער שרייבט איר אז ער גייט זיך נישט בארואיגן ביז זי וועט אים שרייבן א בריוו, און זי זאל זיך נישט פארזוימען כדי אים צו בארואיגן. אזוי שרייבט דער הייליגער רבי עקיבא אייגער.**

רבי עקיבא איגר האט נישט מסיח דעת געווען פון דער תורה, רבי עקיבא איגר האט נישט מסיח דעת געווען פונעם אייבערשטן, רבי עקיבא איגר האט גארנישט געלעבט אין קיין שום גשמיות, אבער פון זיין טאכטער, זיין אייגן קינד, האט ער יא געוואלט הערן א גרוס. אויב נישט האט ער נישט געהאט קיין רואיגקייט, ער האט געהאט שמערצן און יסורים, און ער האט געזאגט: "איך גיי זיך נישט בארואיגן ביז זי שרייבט."

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, כיבוד אב ואם איז א יסוד היסודות'דיגע מצוה. מיר געבן כסדר שיעורים פון בערך צען מינוט איבער כיבוד אב ואם. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט עס אויס; איר וועט דארט הערן זאכן וואס איר האט נישט געוואוסט, וואס איר האט נישט געטראכט און נישט געגלייבט, וואס עס שטייט אלץ אין די ספרים הקדושים איבער די חומר, די הארבקייט, און די געוואלדיגע חשיבות - חמורות שבחמורות - פון כיבוד אב ואם.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, גלייבט אין די הייליגע תורה! אין די תורה שטייט אז דאס ברענגט אלע ישועות: "למען ייטב לך והארכת ימים". הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר יעצט מקבל זיין אויף זיך אהבת הקדוש ברוך הוא, אהבת התורה, און אהבת ישראל; לאמיר מהדר זיין מיט הידורים אין די מצוה פון כיבוד אב ואם און מפרסם זיין די וויכטיגקייט פון די מצוה, און אין דעם זכות זאלן אידן האבן גרויסע ישועות.

## די גרויסע כח פון שמחה צו ברענגען השפעות

דער הייליגער רבי יחיאל פון אלכסנדר האט געפרעגט: פארוואס זעט מען אז רשעים "טוב להם בעולם הזה", זיי האבן אזויפיל גוטע זאכן דא אין דעם עולם הזה? האט ער געענטפערט, ווייל בדרך כלל זעט מען אז זיי זענען בשמחה. שמחה האט אזא כח אז עס קען מזכה זיין אידישע קינדער מיט אך טוב וחסד; און אפילו אין די גשמיות'דיגע וועלט טוט עס אויף צו ברענגען אזא השפעה. מורא'דיגע, מורא'דיגע ווערטער!

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת מטות מסעי כ תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ווערטער. די זעלבע ווערטער זאגט מען נאך פונעם הייליגן רבי שמחה בונם פון פשיסחא, אז די קלים וריקים האבן גוטס אויף די וועלט ווייל זיי זענען שטענדיג בשמחה. כאטש זייער שמחה איז הוללות און שטותים, אבער די מדת השמחה קומט ביסודו פון חסד און משפיע זיין חסדים. ממילא, וויבאלד די מדת החסד קומט פון שמחה, ווער עס איז בשמחה, דער באקומט השפעות פון חסדים. אבער די וואס זענען שטענדיג אין דאגות און עצבות, באזארגט און פול מיט מורא, ציען זיי אויף זיך חס ושלום דינים, און זיי האבן נישט קיין פרנסה און עס פעלט זיי אלע גוטע זאכן.

**מען דארף זיך מחזק זיין און זיך שטארקן מיט שמחה, וואס דאס וועט משפיע זיין געזונט, פרנסה און נחת. שמחה איז דער יסוד; א אידיש קינד לעבט אויף שמחה, און שמחה איז די "געז" פון אונזער לעבן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. אפילו אויב א מענטש, חלילה וחלילה, גייט אדורך שוועריגקייטן מבית ומבחוץ פון אלע זייטן, זאל ער זיך זיין אן קיין דאגות, אן פחדים, אן צובראכנקייט און אן אנגעצויגנקייט אדער כעס – נאר מיט שמחה. שמחה איז די ענערגיע און דער גאז; דאס איז דער שליסל צו אלע השפעות, צו אלע רחמים און צו אלע חסדים.**

**א תפילה און בקשה פאר שידוכים ביי אידישע קינדער**

הייליגע ליכטיגע אידישע קינדער, מען בעט פון אלע אידן: טוט וואס איר קענט אז עס זאלן זיין שידוכים ביי אידן. דאווענט, געבט צדקה, טוט מצוות ומעשים טובים, און טראגט אן שידוכים – פון גרויס ביז קליין. יעדער איינער זאל אנטראגן א שידוך און בעטן דעם אייבערשטן אז די שדכנים זאלן מצליח זיין; בעט דעם אייבערשטן אז יעדער וואס טראגט אן א שידוך זאל האבן הצלחה און נושא חן זיין, כדי מען זאל קענען מבשר זיין דא בשורות טובות, ישועות און נחמות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף זיך שטארקן און זיך מחזק זיין צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיך מכניע זיין צום רצון השם. דער אייבערשטער זאל העלפן אז ביי אלע אידן זאל שטענדיג זיין אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211